בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ

# אַ מַעֲשֶׂה פַאר׳ן שַׁבָּת טִישׁ

דֶערְצֵיילְט דוּרךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

## אִידְן זֶענֶען הֵיילִיג

אִידְן זֶענֶען שֵׁיין, אִידְן זֶענֶען רֵיין, אִידְן זֶענֶען אוֹיסְדֶערְוֶועלְט פַּארַ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין...

דֶער וַוייצֶענֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְט, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה אִין אוֹישְׁוִויץ הָאט מֶען אַרַיינְגֶעשְׁמוּגְלְט אַ קְלֵיינֶע שׁוֹפָר, אוּן וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט זִיךְ דֶער רָב אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט זַיין לֶעבְּן אוּן גֶעבְּלָאזְן שׁוֹפָר מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ פַאר אַלֶע אִידְן אִין יֶעדֶע בְּלָאק.

דָארְט אִין לַאגֶער אִיז גֶעוֶוען אָפְּגֶעטֵיילְט טוֹיזְנְט פִיר הוּנְדֶערְט קִינְדֶער, וָואס דִי דֵייטְשֶׁע וֶועלְף הָאבְּן זֵיי גֶעלֵייגְט אִין אַ בַּאזוּנְדֶערֶע לַאגֶער וַוייל זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען שְׁוַואכֶע קִינְדֶער, נִידְרִיגֶע קִינְדֶער, וָואס דִי דֵייטְשֶׁע רוֹצְחִים הָאבְּן זִיךְ גֶעגְרֵייט זֵיי צוּ פַארְבְּרֶענֶען אַ טָאג נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דִי קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ דֶערְווּיסְט אַז דֶער וַוייצֶענֶער רָב הָאט אַ שׁוֹפָר, הָאבְּן זֵיי גֶעשִׁיקְט אַ שָׁלִיחַ זָאל זֵיי רוּפְן דֶעם רָב, עֶר זָאל זֵיי אוֹיךְ בְּלָאזְן שׁוֹפָר, דִי קִינְדֶער הָאבְּן גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז אוּנְזֶער לֶעצְטֶע וְוינְטְשׁ אֵיידֶער מִיר גֶעבְּן צוּרִיק אוּנְזֶער נְשָׁמָה פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ הֶערְן שׁוֹפָר בְּלָאזְן"; דֶער רָב טְרַאכְט אוֹיב יָא צוּ גֵיין צוּ זֵיי אָדֶער נִישְׁט, וַוייל אַרַיינְגֵיין פוּן אֵיין לַאגֶער צוּם צְוֵוייטְן אִיז גֶעוֶוען אַ סַכָּנָה פוּן וֶוערְן גְלַייךְ דֶערְשָׁאסְן, דָאךְ הָאט דֶער צַדִּיק מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ זִיךְ אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט זַיין לֶעבְּן אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעשְׁמוּגְלְט צוּ זֵיי.

דִי הֵיילִיגֶע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם רָב עֶר זָאל זֵיי זָאגְן אַ תְּקִיעַת שׁוֹפָר דְּרָשָׁה. דֶער רָב הֵייבְּט אָן רֶעדְן, עֶר קֶען נִישְׁט רֶעדְן, עֶר שְׁטִיקְט זִיךְ פוּן גֶעוֵויין; וִוי אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אַזַא הֵיילִיגֶע פָּאלְק וִוי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, יוּנְגֶע בָּחוּרִים אוּן קִינְדֶער וָואס שְׁטֵייעֶן גְרֵייט צוּ וֶוערְן פַארְבְּרֶענְט אוֹיף קִידוּשׁ הַשֵּׁם, אוּן זֵיי ווִילְן נָאר אֵיין זַאךְ הֶערְן, דִי הֵיילִיגֶע שׁוֹפָר בְּלָאזְן, דֶער רָב וֵויינְט, דֶער רָב קֶען נִישְׁט רֶעדְן, אִינְמִיטְן גֶעבְּט אַ קִינְד אַ שְׁרֵיי אוֹיס: ״טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, מִיר קֶענֶען הָאפְּן אוֹיפְן בֶּעסְטְן אָבֶּער מִיר דַארְפְן זַיין גְרֵייט אוֹיף דֶעם עֶרְגְסטְן, מִיר דַארְפְן זִיךְ גְרֵייטְן, מֶען גֵייט אוּנְז אָט אָט פַארְבְּרֶענֶען, לְמַעַן הַשֵּׁם בְּרִידֶער לָאמִיר נִישְׁט פַארְגֶעסְן דִי לֶעצְטֶע מִינוּט צוּ שְׁרֵייעֶן מִיט כַּוָונָה שְׁמַע יִשְׂרָאֵל״; אַלֶע טוֹיזְנְט אוּן פִיר הוּנְדֶערְט קִינְדֶער הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן: ״שְׁמַע יִשְׂרָאֵל...!״ מֶען הָאט גֶעהֶערְט זֵייעֶרֶע גֶעשְׁרֵייעֶן אִין דִי גַאנְצֶע לַאגֶער.

דֶער רָב נֶעמְט דֶעם שׁוֹפָר אִין הַאנְט, עֶר הֵייבְּט אָן: ״מִן הַמֵּצַר קָרָאתִי קָהּ״, דִי קִינְדֶער שְׁרֵייעֶן אוּן וֵויינֶען אוּן זָאגְן נָאךְ וָוארְט בַּיי וָוארְט, דֶער צַדִיק זָאגְט: ״קֵיינְמָאל הָאבְּן אִידְן נִישְׁט גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער ׳מִן הַמֵּצַר׳ מִיט אַזַא גֶעוֵויין״, דֶער רָב בְּלָאזְט שׁוֹפָר, אוּן דֵי אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן צוּרִיק גֶעגֶעבְּן זֵייעֶר נְשָׁמָה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הָאט זֵיי פַארְבְּרֶענְט מִיט נָאךְ זֶעקְס מִילְיָאן אוּמְשׁוּלְדִיגֶע אִידְן.



טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר נֶעמֶען אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲשֶׂה דָאס הֵיילִיגְקֵייט פוּן אִידְן, וִוי זֵיי פְרֵייעֶן זִיךְ צוּ טוּן דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר עֶס אִיז, זֵיי הֶערְן נָאךְ אֵיין מָאל שׁוֹפָר בְּלָאזְן; טֵייעֶרֶע קִינְדֶער לָאמִיר זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם: ״אִידְן זֶענֶען שֵׁיין, אִידְן זֶענֶען רֵיין, אִידְן זֶענֶען אוֹיסְדֶערְוֶועלְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין...״

**נלקח מתוך הספר ״עצתו אמונה״**

צוּ הֶערְן דִי מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א, רוּפְט קוֹל בְּרֶסְלֶב:
א״י: 07970-400-66
ארה״ב: 1-5-2-1 ,212-444-9191